# הבינוני

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

**פרשת ויקהל** ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מדג ||| שנה ב'

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א



**פטרון סדר שמות**
ע"י אחד מבני החבורה
לעילוי נשמת אביו ע"ה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם


# בך בטחתי

## בטחון מהו;
### דריי סימנים פון אַן אמת'ן בוטח בה'

שיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור כ"ג, יום א' פרשת נח כ"ח תשרי שנת תש"פ

א

## העושה לי כל צרכי; דער בעל בטחון וועט באַקומען אַלע זיינע צרכים 'בדרך הטבע'

### ביים בעל בטחון איז נישטאָ קיין חוץ לדרך הטבע

דער הייליגער **באר מים חיים** אין פּרשת בהר זאָגט געוואַלדיגע דיבורים איבער דעם ענין וואָס מיר לערנען אַצינד, אַז ווען אַ מענטש האָט אַ שטאַרקע אמת'ע בטחון בהקב"ה, דעמאָלט וועט אַלעמאָל באַקומען זיינע געברויכן, אפילו ווען ס'איז דאָ אַ מצב פון הונגער, אפילו ווען ער דאַרף חתונה מאַכן דריי קינדער אין דעם זעלבן יאָר און ער איז אַן אָרימער ירושלים'ער איד!

ס'איז נישטאָ קיין שום מציאות פון 'חוץ לדרך הטבע' ביים בעל בטחון. אייביג און אַלעמאָל וועט דער בוטח בה' האָבן אַלעס וואָס ער דאַרף און ס'וועט ניטאַמאָל ווערן אָנגערופן אַ 'נס', ס'וועט זיין אַ חלק פון דעם דרך הטבע.

### די נס ווערט מלובש אין דער טבע

זאָגט דער 'באר מים חיים' אַז ביי אַלע הצטרכות'ן פון מענטשן, ביי אַלע געברויכן פון פּרנסה, און ביי אַלע זאַכן פון בני חיי ומזוני, אויב דער מענטש גלייבט באמת אַז הקב"ה וועט אים מזמין זיין צרכיו און ער וועט אים נישט פאַרלאָזן; אויב דער מענטש האָט נישט קיין פּלאַן, נאָר ער שטייט און קוקט אַרויס צו זען אויף וואָס פאַראַ אופן און וועלכע סיבה וועט השי"ת מאַכן פּלאות אים צו געבן זיינע באַדערפעניש, **דעמאָלט איז זיכער אַז הקב"ה וועט אים טאַקע געבן אַ ברכה אפילו 'למעלה מדרך הטבע'!**

צומאָל וועט דאָס השי"ת באַהאַלטן מיט אַ לבוש פון טבע און סיבות העולם, צום ביישפּיל: פּונקט האָט אים איינער אַריינגעשטופּט אַ גרויסן סכום געלט, אָדער צופעליג איז אים אַריינגעקומען אין באַנק אַ סומע וואָס מען איז אים שוין שולדיג לאַנגע יאָרן. ווייל דער רבוש"ע וויל אַז די שפע זאָל קומען דורך לבושים פון 'דרך הטבע', אָבער ס'וועט זיכער אָנקומען!

און דער 'באר מים חיים' פּירט אויס אַז דערפאַר מאַכן מיר יעדן טאָג די ברכה "ברוך אתה וכו' העושה לי כל צרכי", **מען דאַנקט השי"ת אַז ער איז אייביג מזמין אַלע צרכי בני האדם**, נאר דער מענטש דארף גלייבן דערינען און דעמאָלט וועט ער טאַקע באַקומען אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן!

### ווען מ'זעט נישט די שפע אָנקומען

דאָס איז די אמונה וואָס אַ איד דארף אַלעמאָל גלייבן אַז: "וואָס איך דאַרף האָבן וועט מיך דער רבוש"ע מזמין זיין". מ'דאַרף זיין בטוח און פאַרזיכערט אַז מ'וועט באַקומען אַלע צרכים, און **ס'וועט אפילו נישט הייסן קיין נס**, ס'וועט קומען מיט אַ לבוש פון דרך הטבע.

וואָס איז אָבער די גרויסע שוועריגקייט?! ווען דער מענטש זאָגט: "ביי מיר האָט דאָס נאָכנישט פאַסירט, אפילו איך אַרבעט אַזוי שטאַרק אויף מיין בטחון"!

אין אַזאַ פאַל דאַרף מען זיך אַליין באַטראַכטן. מען דאַרף זיך גוט מתבונן זיין **צי מען איז טאַקע אַ ריכטיגער בעל בטחון**, ווייל אַסאַך מאָל פעלט אין די מדת הבטחון אין געוויסע פלעצער בנפש וואָס דאָס איז גורם אַז די שפע זאל נאָכנישט קומען.

לאָמיר אויסרעכענען עטליכע פון די זאַכן וואו אַ מענטש קען זיך בוחן זיין אויב ער פאַרמאָגט טאַקע אַן אמת'ע בטחון ווי די תורה הק' פאַרלאַנגט עס פון אונז.

### ◄ אותיות מחכימות ►

ספה"ק באר מים חיים פרשת בהר

וזה הענין הוא תמיד בכל דרכי בני אדם לכל הצטרכותם בפרנסא דנשמתא ופרנסא דגופא בברכת בני חיי ומזוני.

כשאדם אינו מסיר בטחונו מה', ויודע ומאמין באמונת אמת שבודאי הקדוש ברוך הוא יזמין לו הצטרכותו הנצרך לו, כי לא יעזוב ה' חסדו מעם בריותיו, והוא הנותן לחם לכל בשר בדרכים נפלאים הפלא ופלא, כי הוא סיבת כל הסיבות המסבב בפלאי פלאים כל דברים שבעולם באופן שיוזמן לחם וכל דבר המצטרך לכל בשר לפי ערכו, רק שעומד וממתין ומצפה לראות באיזה ענין וסיבה יפליא הקדוש ברוך הוא עמו פלאות להזמין לו הצטרכותו, אז ודאי אין הקדוש ברוך הוא מונע מאתו מלברכו גם בלמעלה מן הטבע, רק שמסתירו לפעמים בטבע וסיבות העולם, מפני טעמים הכמוסים עמדו יתברך.

אבל על כל פנים ודאי יזדמן לו הצטרכותו אם אמונתו חזקה בה' העושה לו כל צרכו. ועל כן מברכינן בכל יום ויום ברוך אתה וכו' העושה לי כל צרכי, כי ודאי הוא המזמין כל צרכי בני אדם, ורק שצריך האדם להאמין בזה ובודאי יעשה לו המצטרך לו.

### די ערשטע מבחן; גלייבן אַז מ'דאַרף נישט קיין נס

ערשטנס, איז מבואר אין ספרים הק', אַז דער אמת'ער בעל בטחון גלייבט מיט אַ פשטות אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן, ער קוקט עס נישט אָן כאילו עס פאָדערט זיך יעצט אַ נס אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן.

דער בוטח בה' איז אַזוי רואיג וואוסנדיג ביי זיך קלאָר אַז **זיין שפע האָט מיט'ן אויבערשטן און נישט מיט די סדר הבריאה**, במילא איז דאך נישטאָ קיין שום סיבה פאַרוואָס ער זאָל זיין נערוועז, אפילו אויב ער שטייט יעצט עטליכע שעה איידער ער דאַרף האָבן אַ גרויסע סומע געלט און ער זעט נאָכנישט קיין שום וועג וויאַזוי דאָס גייט געשען. ווייל דער בעל בטחון ווערט נישט נתפעל פון די גדרי הבריאה אַז דאָס זאָל ביי אים מאַכן דעם געפיל אַז ער איז אָנגעוויזן אין אַ נס צו געהאָלפן ווערן.

אויב דער מענטש זעט אַז ווען ער זאָגט תהלים און ער איז מתפלל פאר אַ ישועה קלאַפּט אים דאָס האַרץ שטאַרק, שפּירנדיג אַז ס'דאַרף יעצט געשען אַ נס, **דעמאָלט איז דאָס אַ סימן אַז זיין בטחון איז נאָכנישט בשלימות.**

דער אמת'ער בעל בטחון ווייסט אַז "איך דאַרף נישט אָנקומען צו קיין נס", ווי דער מעזריטשער מגיד זאָגט אַז "הבוטח בה' חסד יסובבנו" איז נישט קיין סגולה, ס'איז נישט קיין נס, **נאר ס'איז אַ סדר פון דער בריאה!** ס'אַרבעט פשוט ווייל אַזוי האָט דער רבוש"ע מבטיח געווען און אַ איד גלייבט אַז דער אויבערשטער וועט טון וואָס ער האָט צוגעזאָגט.

דאָס איז די ערשטע וועג וויאַזוי מ'קען זיך בודק זיין וואו מען האַלט מיט די מדת הבטחון. מען זאָל זיך באַטראַכטן אויב מען אַרבעט אויף זיך נישט נתפעל צו ווערן פון די גאַנצע מציאות אַרום און אַרום, און וויפיל מען קוקט עס אָן ווי אַ נאָרמאַלע זאַך אַז די ישועה גייט קומען בדרך הטבע.

### די צווייטע מבחן; ביטול צום אויבערשטן, ווער זאָגט אַז דאָס איז גוט פאר מיר?!

נאָך אַ זאַך וואו מ'דאַרף זיך גוט בודק זיין איז, ווי ערוועהנט אין דעם ערשטן חלק פון דעם שיעור, אַז מ'זאָל זיך מתבונן זיין: אויב מ'איז טאַקע באמת אָנגעוויזן אין די אַלע זאַכן וואָס מ'וויל באַקומען. **אפשר איז עס ניטאָמאָל פון מיינע צרכים?!** אפשר איז די זאַך בכלל נישט געאייגנט פאר מיר און איך דאַרף עס בלויז צוליב די אַרומיגע סביבה וכדומה?!

אייגנטליך פאָדערט דאָס טאַקע אַ גרויסע אַרבעט פון 'ביטול', צו אויפגעבן אויף די אייגענע שאיפות און רצונות. אַ בעל בטחון האָט די ריינע הרגשה: "**זאָל דער אויבערשטער מאַכן וויאַזוי ער וויל, אויף וואָס פאַראַ אופן ער וויל**".

דער בוטח איז זיך מבטל צום רצון ה' און ער פאַרשטייט אַז ער דאַרף נישט באַקומען זיין ישועה אויף דעם וועג וויאַזוי ער וויל דאָס, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אַז דער אויבערשטער פאַרשטייט בעסער פון מיר וואָס זענען מיינע געברויכן.

> **אפילו ווען ער דאַרף חתונה מאַכן דריי קינדער אין דעם זעלבן יאָר און ער איז אַן אָרימער ירושלים'ער איד!**

ב

## לעבודה ולשמרה; דער סימן אויף בטחון איז ווען מען טוט פלייסיג השתדלות

### בטחון איז טייטש: פאָלגן דעם באַשעפער'ס פּלאַן

אין צוגאָב צו די אויבנדערמאַנטע צוויי נקודות, וואו דער מענטש דארף זיך גוט בוחן זיין בנוגע זיין מדת בטחון, איז דאָ אַ דריטע זאַך וואָס איז כדאי דאָס צו אויסשמועסן ריכטיג, ווייל אַסאַך זענען זיך טועה דערינען.

ווען מען רעדט פון בטחון מיינט דאָס אַז **אַ מענטש דארף טון זיין השתדלות געהעריג**. אויב מאַכט ער נישט די השתדלות וואָס מ'פאָדערט פון אים, דעמאָלט איז ער נישט קיין בעל בטחון!

דער רבוש"ע האָט געהייסן פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל טון זיין השתדלות כראוי און דער אויבערשטער האָט מבטיח געווען: "דו דאַרפסט טון אַלעס וואָס פאָדערט זיך, און איך וועל דיך צושטעלן אַלע דיינע צרכים". אַצינד, אויב דער מענטש זאָגט: "ניין, כ'וויל נישט טון מיין השתדלות, ס'איז בסדר, כ'קען זיך אַן עצה געבן אָן דעם", איז פשט אַז ער טוט אַנדערש ווי דער רצון ה'. **פאַרוואָס האָסטו געמיינט אַז דו ביזט קלוגער פון דער הנהגת השי"ת** און דו דאַרפסט נישט מאַכן קיין השתדלות?!

### גיי מיט'ן אויבערשטן האַנט ביי האַנט

דאָס איז אַ גרייז וואָס קען געשען אַסאַך מאָל, ווייל ווען מ'רעדט אַזויפיל פון האָבן בטחון, איז מען זיך מורה היתר אַז לגבי דעם ענין פון השתדלות קען מען זיך פאַרנאַכלעסיגן. דער מענטש שפּירט אַז פון נישט מאַכן השתדלות וועט גאָרנישט געשען, דער אויבערשטער העלפט דאך פאַר'ן בעל בטחון.

אָבער וואָס איז טייטש דאָס וואָרט "בטחון"?! די מדריגה פון בטחון מיינט נישט סתם אַן אָפּטימיסטישער מענטש וואָס זאָגט "ס'וועט זיין גוט"... בטחון איז טייטש **ווען אַ איד גייט מיט'ן אויבערשטן האַנט ביי האַנט.** אלעס וואָס דער אויבערשטער זאָגט אים אַז זאָל ער טון, דאָס טוט ער טאַקע, ווייל ער האָט בטחון און ער געטרויעט דעם רבוש"ע!

ווען דער אויבערשטער האָט דיך געהייסן אַרבעטן און דו האָסט געזאָגט: "ס'וועט זיין גוט, איך דאַרף נישט גיין אַרבעטן", **האָסטו יעצט נישט געטרויעט דעם רבוש"ע.** אַזאַ סאָרט צוגאַנג קומט נישט פון זיין אַ 'בעל בטחון', דאָס קומט ענדערש פון עצלות און ענינים פון כבוד, וכדומה.

### טון השתדלות ווייל דער רבוש"ע האָט אַזוי געהייסן

מ'דאַרף דאָס גוט געדענקן: דער רבוש"ע קען העלפן אין יעדן מצב אויף אַן אופן אַז ס'זאָל ניטאַמאָל זיין 'בדרך נס', אָבער עס פאָדערט זיך דערצו אַז דער מענטש זאָל זיך בוטח זיין בהקב"ה, און אַ חלק פון בוטח זיין בהקב"ה מיינט אַז מ'זאָל פאָלגן וואָס ער האָט אונז געהייסן!

גלייך אין אָנהויב פרשת בראשית, נאָך איידער דעם חטא עץ הדעת, האָט השי"ת באַפוילן פאַר'ן מענטש "לעבודה ולשמרה", אַז מ'דאַרף אַרויסגיין און עפּעס טון לטובת הבריאה! שפּעטער, נאָכ'ן חטא פון עץ הדעת, האָט דער אויבערשטער געזאָגט נאָך שטאַרקער: "בזיעת אפך תאכל לחם".

יעצט קומט אַ מענטש און זאָגט: "ביי אונז אין די משפחה איז נישטאָ די קללה פון 'בזיעת אפך', ביי אונז אַרבעט מען נישט פאר פרנסה, ס'וועט זיין בסדר". אַנטשולדיגט ר' איד, **אויב איר זענט קלוגער פון דעם אויבערשטן זענט איר נישט קיין בעל בטחון!**

איי, מ'דאַרף דאך לערנען? אודאי דאַרף מען לערנען און זיך ריכטיג קובע זיין עתים לתורה! עס קען גאָר זיין אַז דו וועסט אפילו מער מצליח זיין אין לערנען ווען דו גייסט זיך מבטל צום רצון ה' און דו וועסט יאָ טון השתדלות פאר פרנסה! אָבער דאָס איז זיכער אַז אַ מענטש דארף זיך גוט בודק זיין אין דעם הינזיכט, אויב ער איז טאַקע אַ ריכטיגער בעל בטחון וואָס טוט זיין השתדלות, ווי דער אויבערשטער האָט אים געהייסן טון.

### הרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידם

אַזוי זאָגט די גמרא קלאָר אין מסכת **ברכות** (לה, עמוד ב') אַז רבי שמעון בר יוחאי זאָגט: "אפשר אדם חורש בשעת חרישה, וזורע בשעת זריעה, וקוצר בשעת קצירה, תורה מה תהא עליה?", און רבי ישמעאל זאָגט אַז מען דאַרף יאָ עוסק זיין אין השתדלות: "ואספת דגנך, הנהג בהן מנהג דרך ארץ".

און די גמרא פירט אויס: **"אמר אביי: הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחי ולא עלתה בידן"**. דאָס הייסט אַז ס'איז נישט קיין חכמה נישט צו טון וואָס מ'דאַרף טון. אויב איז מען נישט עוסק אין קיין השתדלות איז 'לא עלתה בידן'.

## רוב מענטשן דאַרפן יאָ טון השתדלות עפ"י תורה

עס שטייט אין ספר 'גנזי ישראל', פון הרה"ק רבי **ישראל מטשארטיקוב** זצ"ל אַז לכאורה, ווען איינער האָט זיך אַזוי פאַרלאָזט אויפ'ן אויבערשטן און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין לערנען, פאַרוואָס טאַקע איז 'לא עלתה בידו"?!

זאָגט דער טשארטיקובער - און באמת שטייט אַזוי פון אַסאַך צדיקים - אַז דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט די בריאה מחמת טעמים כמוסים, אַז ס'זאָל בלויז זיין אַ מיעוט וואָס קען זיין אויף דער מדריגה פון רשב"י, נישט צו טון קיין השתדלות. אויב ס'איז 'הרבה עשו כרשב"י' איז עס 'לא עלתה בידם' ווייל **די וועלט איז נישט אויסגעשטעלט אַז ס'זאָל זיין אַסאַך מענטשן וואָס זאָלן נישט עוסק זיין מיט השתדלות**[א].

## השתדלות איז נישט קיין סתירה צו תורה און עבודת ה'

דער רמב"ם שרייבט טאַקע אַז די לומדי תורה זענען אַזויווי 'שבט לוי', וואָס האָבן נישט געדאַרפט אַרבעטן, אָבער נישט יעדער קען זיין פון דעם מיעוט שבט לוי. אויב אַ מענטש וויל בלייבן ביים לערנען, **קען ער זיך קובע זיין צו לערנען אַסאַך שעות רצופות יעדן פאַרטאָגס** און שפּעטער עפּעס טון פאַר השתדלות. מ'קען עוסק זיין אַלס אַ כלי קודש, א.ד.ג. ס'איז דאָ אַלע סאָרט אופנים וויאַזוי אַ מענטש קען מאַכן השתדלות לויט זיין תפקיד אויף דער וועלט, אָבער די השתדלות דאַרף מען מאַכן.

אַ איד קען און זאָל בעטן דעם אויבערשטן אַז ער וויל נישט נתגשם ווערן פון די השתדלות, און דער אויבערשטער וועט געוויס אויסהערן די תפלות. אָבער דאָס דארף קומען מתוך אַ ביטול צום רצון ה', וואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז מ'זאָל יאָ עוסק זיין אין מאַכן השתדלות פאר דער בריאה, ווי מ'זעט שפּעטער דאָ, אין חובת הלבבות שער הבטחון, אַז ס'איז בלויז דאָ אַ מיעוט וואָס קען זוכה זיין צו דעם סדר פון 'שבט לוי' צו באַקומען פּרנסה אָן טון קיין השתדלות. און ס'זייער שווער צו זיין פון דער מיעוט, אַסאַך שווערער ווי מען מיינט...

## אַז מ'טוט נישט דעם רצון ה' קען מען נישט האָבן קיין טענות

מענטשן מאכן צומאָל דעם טעות ווען זיי באַשליסן אַז מיט אַ מינימאַלע אָנשטרענגונג קענען זיי שוין זיין פון דעם מיעוט 'שבט לוי', אָבער נאָכדעם האָבן זיי טענות אַז ס'פעלט זיי פּרנסה. **האָב נישט קיין קשיות**, ווייל אַזוי שטייט אין דער תורה און אַזוי זאָגט דער חובת הלבבות, אַז אַ מענטש מוז טון השתדלות!

מ'דאַרף זיך גוט בודק זיין צי מען איז טאַקע ראוי צו זיין פון דעם מיעוט, און **צי מען נוצט טאַקע אויס יעדע מינוט אין טאָג**. דאָס איז אַ פּרטיות'דיגע חשבון הנפש, און אודאי דאַרף מען דאָס דורכרעדן מיט אַ מורה דרך, אָבער בכלליות דאַרף מען אַלעמאָל וויסן אַז אַ חלק פון בטחון איז צו פאָלגן וואָס דער אויבערשטער הייסט, אַז דער מענטש דארף עוסק זיין מיט השתדלות.

אויב דו זעהסט אַז דו קענסט נישט אָנגיין מיט דעם מהלך פון גאָרנישט טון פאַר פּרנסה, אויב דו זעהסט אַז דו ביזט נישט מקיים קיין 'פּריעת חוב מצוה' וכדומה; דעמאָלט געדענק אַז **'הרבה עשו כן ולא עלתה בידן'**, דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט אַז ס'זאָל זיין אַסאַך מענטשן וואָס טוען נישט קיין השתדלות. אפילו צדיקים האָבן געדאַרפט מקיים זיין דעם לעבדה ולשמרה, אַלע תנאים און אמוראים האָבן עוסק געווען אין די ענינים פון השתדלות.

ג

# בטל רצונך מפּני רצונו; בטחון באַדייט ווען מ'איז זיך מבטל פאַר'ן רצון השי"ת

## מ'קען נישט שאָדן האָבן ברוחניות פון תורה'דיגע השתדלות

ווען אַ מענטש אַנטזאָגט זיך פון טון זיין השתדלות, איז דאָס פּונקט ווי איינער וויל נישט גיין חתונה האָבן ווייל ער וויל בלייבן ביים לערנען. זאָגט אים דער אויבערשטער: "דו דאַרפסט חתונה האָבן", אָבער דער מענטש טענה'ט: "איך וויל דאך לערנען, נפשי חשקה בתורה". איז דאך פּשוט אַז ער טוט קעגן די הלכה!

בן עזאי האָט געקענט זאָגן 'נפשי חשקה בתורה' לפי גודל מדרגתו. דער בני יששכר זאָגט אַז ער האָט מקיים געווען פּרי' ורבי' דורך חידושי תורה, און לויט איינע פון די דרכים אין דער גמרא איז ער שוין געווען חתונה געהאַט בעפאָר. אָבער אַ געווענליכער מענטש וואָס וויל נישט חתונה האָבן איז פּשט אַז ער געטרויט נישט דעם אויבערשטן. **אויב דו וועסט האָבן בטחון וועסטו האָבן סייעתא דשמיא** און וועסט קענען אויך מצליח זיין סיי אין תורה, סיי אין עבודה, און סיי אין אַלע אַנדערע רוחניות'דיגע זאַכן.

די זעלבע זאַך איז נוגע לענינו, אפילו אויב ס'קוקט אויס פאַר'ן מענטש אַז ער קען בעסער אויסשטייגן אויב ער וועט נישט טון קיין שום השתדלות, **דאַרף ער זיך מבטל זיין פאַר'ן רצון ה' און טון די השתדלות וואָס ליגט אויף אים**, יעדער לויט זיין מצב און לויט זיין מציאות און נאָכ'ן זיך דורכרעדן מיט זיין מורה דרך.

## 'לעבדה ולשמרה' איז שייך פאר יעדן מענטש לפי מצבו

יעדער איינער לפי מצבו דארף זיך אודאי בודק זיין 'וויפיל', 'ווען', און 'וויאַזוי', ער זאָל עוסק זיין אין השתדלות. אָבער **די ערשטע זאַך וואָס פאָדערט זיך איז דער 'ביטול' פאַר'ן אויבערשטן** און דער ביטול פאר די פּסוקים פון דער תורה וואָס הייסן פאַר'ן מענטש 'לעבדה ולשמרה'.

דאָס איז אַמאָל זיכער אַז ווען אַ מענטש טוט נישט זיין פאַרלאַנגטע השתדלות, קען ער נישט האָבן קיין קשיות פאַרוואָס ער באַקומט נישט זיינע צרכים, **ווייל ער איז נישט קיין בעל בטחון!** ער האָט מורא צו פאָלגן וואָס דער אויבערשטער הייסט אים!

## בטחון דאַרף מען האָבן 'אינאיינעם' מיט דער השתדלות

לאָמיר זיך פארשטעלן אַ מציאות פון איינער וואָס האט אַ פעלד וואָס ער דאַרף באַאַרבעטן, אָבער ער איז מחליט אַז ער וויל נישט פלאַנצן דאָס פעלד ווייל ער האָט געהערט אַז ס'האָט נישט קיין שייכות מיט די פרנסה, ער גלייבט אַז דער אויבערשטער וועט אים געבן פון אַן אַנדערע וועג...

וואָס וועט מען אים זאָגן?! זיי מוחל, אַקער אויף דיין פעלד, טו וואָס דו דאַרפסט פאר השתדלות. זאָלסט לערנען פאַר'ן אַקערן, זאָלסט לערנען נאָכ'ן אַקערן, און אפילו בשעת'ן אַקערן קענסטו אַריינלייגן 'עיר פאָונס' און אויסהערן אַ געשמאַקע שיעור, אָבער טו דיין השתדלות פון אַקערן און פלאַנצן דאָס פעלד!

יעצט, נאָכ'ן איינפלאַנצן, איז וויכטיג די מחשבות פון בטחון! נאָכדעם וואָס דו האסט געטון דיין השתדלות על פי תורה דאַרפסטו געדענקן אַז ס'איז נישט מוכרח אַז דיין גאַנצע פּרנסה וועט קומען פון דעם פעלד, און אפילו ווען יאָ איז דאָס בלויז אַ צינור וואָס דער אויבערשטער האָט דיך געמאַכט. ווי דער חובת הלבבות זאָגט שפּעטער אַז ווען אַ מענטש באַקומט פּרנסה פון זיין אַרבעט זאָל ער דאַנקן בלויז דעם אויבערשטן, ער זאָל נישט זיין דאַנקבאַר פאר די קרקע וואָס האָט אים געברענגט די פּירות.

---

א. וראה גם בספר נפש יהונתן (פּרשת בחוקותי, להגאון רבי יונתן בנימין הכהן זצ"ל, דומ"ץ סעליש) שבכל הדורות היו בני ישראל עוסקים במלאכה, ולצדם היו גם שבט לוי שעסקו רק בתורה כל היום, וכך היה גם כשבני ישראל ישבו איש תחת גפנו ותחת תאנתו, אם כן מכל שכן כעת שאנו בגולה בעוונותינו הרבים ופרנסתנו בא בטורח גדול, אם כן אם התלמידי חכמים יעסקו במשא ומתן תורה מה תהא עליה, ואם הבעלי בתים יניחו את נכסיהם ומשא ומתן שלהם במה יתפרנסו התלמידי חכמים. לכן צריכים שניהם, רק יראו שאותן שעושין כרבי ישמעאל יהיו הרוב ורק המיעוט יעשו כרשב"י להיות רק תורתן אומנותן, ואז הרוב שעוסקין במשא ומתן יוכלו לפרנס את המיעוט שעושין כרשב"י וזה וזה תעלה בידם. מה שאין כן אם יעשו ההיפך כמובן. וזהו שאמר אביי: הרבה עשו כרבי ישמעאל, ואז "ועלתה בידם", אבל אם הרבה עושין כרשב"י, אזי "ולא עלתה בידם".

### די טעותים וואָס איז שכיח בייביידע זייטן פון דער מטבע

בדרך כלל ווען מענטשן נוצן זייער 'תכונת הנפש' צו מקיים זיין די חלקים פון בטחון וואָס איז פאר זיי גרינג...

די סאָרט מענטשן וואָס גלייכן צו אַרבעטן 14 שעה אַ טאָג, אָבער ס'איז זיי שווער די 'קביעות עתים לתורה' און דאָס דאַווענען, וועלן טרעפן אַלע פּסוקים אַז מ'דאַרף אַרבעטן זייער פלייסיג... און לגבי קביעת עתים האָט ער דאָך נישט קיין ברירה, דער אויבערשטער האָט מיך אַזוי באַשאַפן, איך קען נישט... אָבער נאָכדעם וואונדערט ער זיך: "פאַרוואָס האָב איך חובות?! כ'האָב דאך געטון השתדלות עד הסוף?!"

פון דער אַנדערער זייט, די מענטשן וואָס ווילן נישט אַרבעטן, וועלן טרעפן אַלע פּסוקים און מאמרים אַלס אַ ראי' צו דעם מהלך, אָבער ער וועט נישט לערנען וואָס עס שטייט אין דער תורה: "בזיעת אפך תאכל לחם". **צו וועמען רעדט מען דאָ?! מ'האָט גערעדט צו דיר!** זיי מוחל, הייב זיך אויף און טו עפּעס! האָב אויך אַ שייכות מיט דער סוגיא פון 'בזיעת אפך'! 'זיעה' מיינט שוויצן און מ'קען זיך נישט אַרויסדרייען דערפון. מ'דאַרף טון השתדלות. אויב דו וועסט עס נישט טון, זאָגט די תורה הק' אַז ס'וועט נישט אַרבעטן, **הרבה עשו ולא עלתה בידם.**

### האָב נישט מורא צו טראַכטן; אפשר האָב איך זיך טועה געווען

מענטשן האָבן אַזוי מורא צו פרעגן קשיות אויף זייער ביז יעצטיגע מהלך המחשבה, מען וויל נישט מפקפק זיין אַז אפשר דאַרף איך טון אַנדערש, ווייל מען פאָרכט זיך אַז מען וועט פאַרלירן דעם סטאַטוס צווישן די אַרומיגע, וכדומה. **האָב נישט אַזוי מורא!** זאָלסט וויסן אַז אויב דו גייסט פאָלגן דעם רצון ה' ביזטו יעצט געוואָרן אַ בעל בטחון. ווייל דו האסט יעצט געטון דעם רצון ה' און נישט דיין רצון.

אַ מענטש דאַרף זיין גרייט צו זיך מבטל זיין און זאָגן **"אפשר האָב איך זיך טועה געווען ביז יעצט".** און ווען דער מענטש איז זיך מבטל ווערט אים אַזאַ ליכטיגע לעבן, דעמאָלט וועט ער אודאי טרעפן די סייעתא דשמיא צו וויסן גענוי וואָס צו טון, אָבער קודם האָב דעם ביטול זיך צו בודק זיין טאָמער דו ביזט טאַקע מקיים אַלע חלקים פון בטחון ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דאָס איז זיכער אַז ווען אַ איד איז מקיים אַלע ענינים פון בטחון, אויפ'ן ריכטיגן אופן, דעמאָלט **וועט אים זיין לעבן קלאַפּן הונדערט פּראָצענט.** אַזוי זאָגן עדות טויזנטער מענטשן וועלכע טוען וואָס מ'דאַרף טון און זיי זענען מצליח, ווייל אַזוי איז די תורה מבטיח אַז ס'גייט אַרבעטן, ווי דער חובת הלבבות זאָגט דאָס לשון "לא יבצר ממנו מזונו בכל עת ובכל מקום" - עס וועט דיך גאָרנישט פעלן!

אַז דו וועסט גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג פון בטחון **וועט דיך גאָרנישט פעלן, אפילו נישט ברוחניות!** וועסט קענען אַסאַך בעסער לערנען און אַסאַך בעסער דאַווענען, אָבער זיי מיט'ן אויבערשטן! פאַרמאַך נישט דיינע אויגן נאר טו אַלעס מיט אַ ביטול צו אים! און ווען אַ איד לעבט מיט'ן אויבערשטן איז נישט דאָ קיין פּלאַץ, ברוחניות ובגשמיות, וואו ער ווערט נישט נתעלה!

# מרבים בשמחה

## וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו;

שמחה אַלעמאָל ווייל מ'געפינט זיך אין די הענט פון הקב"ה

יום ראשון כי תשא, י"ב אדר תשפ"ג

א

## באלקים אהלל דבר; די 'חוסי בך' זינגען אַלעמאָל

### לעולם ירננו; די אייביגע שמחה פון די 'חוסי בך'

דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים (קאַפּיטל ה' פסוק י"ב): **"וישמחו כל חוסי בך"** - די וואָס פאַרלאָזן זיך אויפ'ן רבוש"ע האָבן אַ געוואַלדיגע שמחה. **"לעולם ירננו"** - זיי זינגען אַלעמאָל. **"ותסך עלימו"** - דער אויבערשטער באַשיצט זיי אַגאַנצע צייט. **"ויעלצו בך אוהבי שמך"** - די וואָס האָבן ליב דעם נאָמען פון השי"ת פרייען זיך אייביג מיט אים.

דער **מלבי"ם** איז מפרש דעם פסוק אַז די אידן וואָס פאַרלאָזן זיך אויפ'ן אויבערשטן זענען אַלעמאָל פרייליך און זיי זינגען אייביג. נישט אַזויווי איינער וואָס איז נישט קיין אמת'ער בוטח, וואָס דעמאָלט זינגט ער נאר צום רבוש"ע אויב ער איז ניצול געוואָרן פון דער צרה. די 'חוסי בך' זענען נישט אַזויווי די מענטשן וואָס פרייען בלויז נאָכדעם וואָס זיי באַקומען די ישועה. **די 'חוסי בך' זינגען אַלעמאָל, בלי הפסק.** נישט קיין חילוק וואָס זייער מצב איז יעצט.

### די שמחה אַז השי"ת פירט אונזער לעבן

וויאַזוי קען דאָס טאַקע זיין אַז מ'זאָל אַלעמאָל זינגען און דאַנקען דעם רבוש"ע? זאָגט דער מלבי"ם, ווייל די שמחה פון דעם בעל בטחון איז נישט קיין שמחה וואָס קומט פון דעם עולם הטבע! ער פריידט זיך נישט בלויז ווייל ער האָט געוואָלט עפּעס זייער שטאַרק און ער האָט טאַקע מצליח געווען.

די וועלכע זענען 'חוסי בך' זענען בשמחה ווייל זיי זענען מכיר אַז **דער אויבערשטער פירט זייער לעבן** מיט אַ געוואַלדיגע השגחה נפלאה. דאָס ברענגט זיי אַזאַ שמחה אַז ס'איז זיי שוין נישט צופיל משנה אין וועלכע מצב זיי געפינען זיך יעצט. ער קען אַלעמאָל זינגען אויף דעם אליינס **אַז איך בין מושגח פון דעם אויבערשטן** און אַז דער רבוש"ע פירט מיך דאָ, אין דעם יעצטיגן מציאות.

### מיט דער ידיעה קען מען אייביג זינגען

דאָ ליגט אַ מורא'דיגע נקודה. די אידן וואָס זענען זיך בוטח בהשי"ת דאַרפן נישט זיין פאַרנומען טראַכטן אויב ס'גייט קומען אַזאַ סאָרט ישועה אָדער אַן אַנדערע סאָרט ישועה. זייער זינגען נעמט זיך פון גאָר אַן אַנדערע סיבה!

זייער שמחה קומט ווייל זיי שפּירן אַז יעצט, **אין די סעקונדע, אין דעם יעצטיגן מצב,** איז דער אויבערשטער דאָ און ער פירט מיך מיט אַ השגחה נפלאה. דער רבוש"ע פירט מיך מיט אַ מהלך! איך ווייס טאַקע נישט פאַרוואָס, איך ווייס נישט וואו ער טראָגט מיך, איך האָב נישט קיין מושג, אל הארץ אשר אראך, **אָבער די עצם ידיעה ברענגט מיך אַ געוואַלדיגע שמחה, 'לעולם ירננו'!** אויב אַזוי קען מען דאָך אַלעמאָל זינגען. ס'איז קיינמאָל נישט דאָ קיין מצב וואָס יעצט קען מען נישט זינגען.

### חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה

דורך דעם מלבי"ם פאַרשטייען מיר אַ נייע דערהער, אויף דעם וואָס מיר ווייסן אַז אַ מענטש דארף זינגען צום רבוש"ע אויך ווען ער געפינט זיך אין אן ענגען מצב, ווי די משנה זאָגט (ברכות ס ע"ב)

**אותיות מחכימות** — פירוש המלבי"ם תהלים ה' י"ב

וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו ותסך עלימו ויעלצו בך אהבי שמך. לעולם ירננו – לא כמו עתה שלא תהיה רינתם רק אחר הצרה וההצלה ממנו, רק שירננו תמיד בלי הפסק צרה בינתיים, רק 'ותסך עלימו' בתמידות, ולא יהיה שמחתם טבעיית, רק 'ויעלצו בך', על ידי שיכירו שהם מושגחים בהשגחה מופלאת מאתך.

**חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, ואמר רבא לא נצרכה אלא לקבולינהו בשמחה.** מען איז מחויב צו מקבל זיין די רעה מיט די זעלבע שמחה ווי מען איז מקבל די טובה.

די גמרא זאָגט דאָרט ווייטער אַז מ'לערנט דאָס אַרויס פון דעם פסוק **"בה' אהלל דבר, באלקים אהלל דבר"**, אַז סיי ווען ס'איז מדת הרחמים און סיי ווען ס'איז מדת הדין דאַרף מען לויבן דעם אויבערשטן, און די גמרא איז דאָרט ממשיך מיט אַסאַך פסוקים וועגן דעם ענין.

## ס'איז דאָ אַ בחינה פון לויבן אויף די ישועה וואָס גייט קומען

צומאָל זענען מיר איינגעוואוינט אַז די סיבה פאַרוואָס מען לויבט השי"ת בשעת די צרה, איז וויבאַלד מען איז פאַרזיכערט אַז די ישועה גייט קומען, ווי רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים יח, ד) "מהולל אקרא ה' ומן אויבי אושע" - **"בהילולים אקרא ואתפלל לפניו תמיד, כלומר אף לפני התשועה אני מהללו, לפי שבטוח אני שאושע מאויבי".**

## דאָ רעדט מען פון לויבן אויף די השגחה פון 'יעצט'

אָבער דער מלבי"ם זאָגט אונז דאָ אַן אַנדערע יסוד, וואָס ס'איז זייער וויכטיג צו באַטאָנען, ספּעציעל אין די יעצטיגע זמנים פון חודש אדר ווען מען איז מרבה בשמחה, אַז אַ **איד זינגט פאַר'ן אויבערשטן צוליב דעם עצם מציאות אַז דער רבוש"ע פירט אים, יעצט בשעת מעשה!**

דער מענטש גייט אפילו נישט אַריין אין די גאַנצע זאַך פון זיין עתיד, **ס'איז אים יעצט גאָרנישט משנה וואָס עס גייט זיין.** ער זינגט ווייל ער שפּירט אַז ער איז אַרומגענומען מיט'ן אויבערשטן און דער רבוש"ע פירט מיך דאָ צו אַ גוטע פּלאַץ!

זיין שמחה האָט בכלל נישט צוטון מיט'ן עתיד; ס'האָט צוטון מיט איין זאַך: **"איך בין אונטער די השגחה פון דעם רבוש"ע און ס'איז נישטאָ גאָרנישט וואָס קען מיך מפסיק זיין פון מיין שמחה".** ער טראַכט נישט יעצט וועלכע סאָרט עתיד ער גייט האָבן, ער טאַנצט און ער פרייט זיך 'כמו שהוא', פשוט ווייל דער רבוש"ע איז משגיח אויף אים.

## די 'חוסי בך' דאַרפן זיך נישט מחזק זיין אַז ס'קומט גוטע צייטן...

דאָס ליגט טאַקע אין די ווערטער פון חז"ל "חייב אדם לברך על הרעה 'כשם' שמברך על הטובה". דאָס וואָרט 'כשם' מיינט אַז די 'הודאה על הרעה' דאַרף זיין **ממש פונקט ווי די 'הודאה על הטובה'.** אַ מענטש קען זיך וואונדערן, וויאַזוי קען מען פאַרגלייכן די צוויי זאַכן? דאָס איז דאָך 'טוב הנראה' און דאָס איז דאָך 'טוב הנגלה'?

באמת קומט אָבער די קשיא בלויז ווייל דער מענטש איז תולה זיין שמחה אין די 'תוצאות' פון זיין מצב. "איך זינג צום אויבערשטן ווייל ב"ה איך האָב פּרנסה, ב"ה איך האָב אַ דירה, ב"ה איך האָב נחת פון די קינדער". ער דאַנקט דעם רבוש"ע אויף די אַלע זאַכן וואָס ער האָט יאָ, נאָכדעם טראַכט ער: "אָבער איין מינוט, ס'איז אויך דאָ זאַכן וואָס כ'האָב איך נישט"... און יעצט האָט ער טאַקע אַ גרויסע קשיא: "וויאַזוי קען מען דאַנקען דערויף ממש "כשם שמברך על הטובה"? מוז ער זיך מחזק זיין מיט אַ 'לומדות' אַז צום סוף וועט זיין גוט; בעצם איז שוין יעצט אויך גוט; ס'איז 'טוב הנסתר', א.א.וו.

אָבער לויט ווי מ'לערנט יעצט די ווערטער פונעם מלבי"ם, גייט דער מענטש בכלל נישט אַריין אין דער נושא איבער זיין עתיד. ס'איז אודאי דאָ אַזאַ בחינה אויך, ווי מ'האָט דערמאָנט פון רש"י אויפ'ן פסוק 'מהולל אקרא', אָבער דער מלבי"ם לערנט אונז אַן אַנדערע דערהער, אַז דער מענטש זאָל פאַרשטיין: **"דו דאַנק און זינג צום רבוש"ע, בלויז צוליב דעם מציאות אַז דו ביזט זוכה צו ווערן מושגח דורך דעם אויבערשטן מיט אַ השגחה נפלאה"!** די אַלע זאַכן פון דעם עתיד איז יעצט נישט מעלה און נישט מוריד. שוש אשיש בה' און פאַרטיג.

אַזאַ איד טאַנצט ווייל ער שפּירט אַז דער אויבערשטער פירט אים אַלעמאָל מיט אַ מורא'דיגע פלאַן פון 'להטיבך באחריתך'! אויב אַזוי וואָס איז אים משנה צי עס וועט זיין אַזאַ סאָרט הנהגה צי אַן אַנדערע סאָרט הנהגה?! **ער פרייידט זיך מיט די עצם זאַך אַז ער ווערט מושגח בהשגחה נפלאה פון דעם רבוש"ע אַליין.**

## די געוואַלדיגע שמחה אַז איך ווער באַגלייט דורך השי"ת

אין תהלים איז דאָ נאָך אַסאַך פסוקים ווי עס שטייט דער יסוד, אַז די אמת'ע שמחה קומט ווען דער מענטש איז רואיג ווייל דער אויבערשטער באַגלייט אים. ווי דוד המלך זאָגט (שם לג, כא): **"כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו".** מען זאָגט דעם פסוק און מען כאַפּט נישט אַז די צווייטע האַלב פסוק איז אַ הסבר אויף די ערשטע האַלב: **ווייסט פאַרוואָס ס'איז "בו ישמח לבנו"?! ווייל "בשם קדשו בטחנו"!**

ווען מען האָט די ידיעה פאַרשטייט מען אַז ס'איז נישטאָ קיין שום חילוק צווישן אַלע מענטשן וואָס טאַנצן אין בית המדרש. ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך "פאַר יענעם גייט גוט, פאַר יענעם גייט נישט גוט". **נישט ריכטיג! פאַר אַלעמען גייט גוט!** וואָס גייסטו אַריין אין אַזעלכע קליינע פּרטים?! דער עיקר איז כ'בין מושגח פון דעם אויבערשטנ'ס השגחה!

ב

# אל תחקור אחר עתידות; די רואיגקייט פון וויסן אַז דער עתיד ווייסט בלויז דער רבוש"ע

## טראַכט נישט פון דיין עתיד

מיר זען טאַקע אַז דער רבוש"ע האָט אונז ממש מצווה געווען אין דער תורה, וויאַזוי מיר זאָלן זיך צוגעוואוינען צו לעבן מיט אַ געוואַלדיגע שמחה אויף אַזאַ סאָרט אופן פון בטחון.

דער פסוק זאָגט אין פרשת שופטים (יח, יג) **"תמים תהיה עם ה' אלוקיך"**, און רש"י שרייבט דאָרט מיט זיין הייליג לשון: **"התהלך עמו בתמימות ותצפה לו ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות ואז תהיה עמו ולחלקו".**

רש"י לערנט אונז זייער אַ וויכטיגע זאַך - וואָס אַסאַך מאָל איז מען זיך טועה דערינען. מענטשן מיינען אַז "ולא תחקור אחר העתידות" מיינט בלויז ווען מען איז אַ 'כישוף מאַכער' און מען זוכט צו וויסן דעם עתיד... אָבער די ראשונים לערנען פשט אַז דער פסוק פון "תמים תהי' עם ה' אלקיך" איז אַ מצוה כללית וואָס נעמט אַריין אפילו זאַכן וואָס זענען נישט אסור אַלס 'לא תנחשו' אָדער אַנדערע איסורים פון כישוף. **"התהלך עמו בתמימות" מיינט: טראַכט בכלל נישט אויף דיין עתיד!** "אלא כל מה שיבא עליך קבל בתמימות, ואז תהי' עמו ולחלקו".

## וואָס איז טייטש איזהו חכם הרואה את הנולד?!

ווען מען רעדט וועגן די סוגיא פון נישט טראַכטן וועגן דעם עתיד, פאַרמישן זיך מענטשן צווישן דעם ענין און צווישן דעם מושג פון "איזהו חכם הרואה את הנולד". (אבות ב ט). לכאורה זעט מען דאָך פון דעם אַז מ'דאַרף יאָ טראַכטן פון דעם עתיד?!

דאַרף מען דעריבער קודם אַוועקשטעלן די קלאָרע חילוק צווישן די צוויי ענינים, וואָס האָבן נישט קיין שייכות איינס מיט'ן אַנדערן.

## ביי זאַכן וואָס דו קענסט מאַכן אַ חילוק, נוץ דיין מחשבה

די משנה פון "איזהו חכם הרואה את הנולד" טייטשן די מפרשים "את הנולד ממעשיו". זייער פשוט. מ'זאָגט פאַר'ן מענטש: בעפאָר דו גייסט עפּעס טון דאַרפסטו גוט אַריינטראַכטן וואָס גייט זיין די תוצאות דערפון. זיי זיך מתבונן אויב עס לוינט זיך דיר דאָס צו טון. דאָס הייסט אַ 'חכם' וויבאַלד ער נעמט אחריות אויף זיינע מעשים. ער איז זיך מתבונן אין די תוצאות פון זיינע מעשים.

דאָס איז אַלעס נוגע **לגבי זאַכן וואָס דער מענטש קען מחליט זיין צו טון.** דאָס איז שייך ביי פעולות וואָס דער מענטש קען אַליין בוחר זיין אויב ער זאָל דאָס טון.

## ביי זאַכן וואָס האָט מיט השי"ת, זיי מבטל דיין מחשבה

משא"כ ווען דער רבוש"ע ברענגט אַ מצב פאַר'ן מענטש, דער רבוש"ע שיקט אים חלילה אַ שוועריגקייט, דעמאָלט **ווער האָט דיך איינגערעדט די נאַרישקייט אַז דו זאָלסט יעצט אָנהויבן טראַכטן פון דעם עתיד?!** - "אָה, איך זעה שוין וואָס דאָ גייט זיין. ה' ירחם! וואָס מיינסטו? איך בין עפּעס אַ נאַר? איך ווייס נישט וואָס דאָס מיינט? ס'מיינט דאך אַז איך האָב יעצט באַקומען אַ ביטער שווערן פּעקל. איך קען אַסאַך מענטשן וואָס האָבן דאָס געדאַרפט דורכגיין, דאָס איז נישט פשוט, ה' ירחם".

דער מענטש האָט זיך יעצט צוגעלייגט, בנוסף צו דעם מצב וואָס דער רבוש"ע האָט אים געגעבן, האָט ער זיך מוסיף געווען אַ גאַנצע פּעקעלע פון שוועריגקייטן, לויט ווי ער האָט זיך אויסגע'חשבונ'ט אין קאָפּ אַז דאָס גייט זיין די תוצאות.

### דער טעות פון טראַכטן פון דעם צוקונפט

אויב דער מענטש האָט חלילה אַ פינאַנציעלע שוועריגקייט זאָרגט ער זיך גלייך: "מילא די צרה אַליין, אָבער איך גיי דאך האָבן בושות, כ'גיי באַקומען אַזאַ שלעכטע נאָמען. קיינער וועט מיך מער נישט געטרויען ווייל ס'גייט נתפרסם ווערן אין דער גאס און ה' ירחם די גרויסע היזקים וואָס כ'גיי האָבן דערפון".

אויב איז דאָס אַן ענין פון רפואה ל"ע מאַכט ער שוין באַלד חשבונות אויפ'ן עתיד: "דאָס גייט יעצט מיינען, זיך וואַלגערן ביי דאָקטוירים... בקיצור, די קינדער גייען ליידן... די משפחה גייט זיין צעשאָקלט..."

ער טראַכט ביי זיך אין קאָפּ אַלע תוצאות. פאַרוואָס?! ווייל ער איז דאָך נישט קיין נאַר. ער איז אויך נישט יונג. ער האָט שוין געזען זאַכן אין לעבן, ער האָט שוין מיטגעהאַלטן אַזעלכע מצבים און ער פאַרשטייט שוין וואָס דאָ גייט געשען אַדאַנק די שוועריגקייט.

דאָס איז אָבער אַן איסור! **דאָס איז אַ ריזיגע טעות** און דאָס איז איינס פון די גרעסטע סיבות פאַרוואָס מענטשן קענען נישט זיין בשמחה, ווייל זיי זענען עובר אויף די זאַך וואָס שטייט דאָ אין דעם פסוק פון 'תמים תהי' - ולא תחקור אחר העתידות'.

### וואָס איז דיך בכלל נוגע די אַלע מחשבות?!

רש"י זאָגט אונז: פאַרוואָס ביזטו בכלל פאַרנומען מיט די אַלע טערמינען 'טוב הנגלה, טוב הנסתר'... ווער האָט דיך געבעטן צו טראַכטן וועגן דעם עתיד?! ווער האָט דיך געלאָזט בכלל טראַכטן וועגן דעם עתיד?! ס'איז בכלל נישט אמת די גאַנצע מעשה וואָס דו טראַכסט! דו ביזט מושגח דורך דעם רבוש"ע און דאָס דאַרף דיך ברענגען אַ מורא'דיגע שמחה!

פאַרוואָס ביזטו אַזוי פאַרנומען מיט'ן אויס'חשבונ'ען די תוצאות?! וואָס איז דיך עס בכלל נוגע?! אַגאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען - "לויט די שיטה פון דעם חזון איש אין בטחון וועט די תוצאה זיין אַזוי, און לויט די שיטה פון דעם בעש"ט הק' וועט די תוצאה אַזוי, און דער מקובל האָט געזאָגט אַז די תוצאה וועט זיין גוט און כ'גלייב באמונה שלימה אַז אַזוי וועט טאַקע זיין"... ווער האָט דיך געבעטן בכלל צו טראַכטן פון די תוצאות?!

מיט'ן עצם טראַכטן די סאָרט מחשבות איז מען עובר אויפ'ן פסוק 'תמים תהי' עם ה' אלקיך'! הער אויף טראַכטן דערוועגן און **געדענק בלויז איין זאַך: אַז ס'איז דיר גוט ווייל דו ביזט מושגח פון דעם רבוש"ע!** וויפיל מער דו וועסט זיך מתבונן זיין דערינען וועסטו טאַנצן מיט'ן אויבערשטן, שוש אשיש בה'!

### די דאגה על העתיד קומט פון אַ התגברות היצר

עס ליגט דאך אַזויפיל טעות, אַזויפיל יצר הרע, אַזויפיל רע, אין דעם מציאות וואָס אַ מענטש לייגט זיך אַריין דעם קאָפּ צו זיין פאַרנומען מיט די תוצאות לויט דעם ספר אָדער לויט יענעם ספר. מ'טאָר נישט זיין פאַרנומען מיט דעם ענין בכלל.

ס'איז אמת טאַקע אַז די סאָרט מחשבות קומען כסדר אַריין אין קאָפּ. מען טראַכט 'וואָס גייט זיין?!', מען טראַכט אַהער און מען טראַכט אַהין, און מען איז זיך מחזק אַז דער אויבערשטער גייט העלפן. אָבער דער עיקר מחשבה וואָס מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיין בשמחה און וואָס מאַכט אים פאַר אַן ערליכער איד, איז צו וויסן אַז ער איז מושגח פון דעם רבוש"ע מיט אַ השגחה נפלאה, און אויב אַזוי האָט ער זיך בכלל נישט וואָס צו זאָרגן!

## ג

# להיות בשמחה תמיד; די בעסטע רעצעפּט פאַר שמחה איז נישט זאָרגן אויפ'ן עתיד

### טון וואָס מ'דאַרף אָבער נישט דאגה'ן

ביי דעם רבוש"ע שטייט "**עוז וחדוה במקומו**", ביים אויבערשטן איז אַלעמאָל דאָ אַ מורא'דיגע שמחה, און ער האָט דאָך אונז באַפוילן "והלכת בדרכיו". דער רבוש"ע זאָגט פאַר'ן מענטש: **הער אויף טראַכטן וואָס עס גייט זיין אין אַהאַלב יאָר אַרום און אַ יאָר ארום!** אַנשטאָט דעם זיי זיך מתבונן אַז דו ביזט מושגח פון דעם רבוש"ע.

פאַרשטייט זיך אַז ווען ס'איז דאָ אַ זאַך וואָס איז נוגע אויף למעשה, דעמאָלט איז מען מחיוב דאָס צון וואָס מ'דארף, און דאָס איז אַ חלק פון דער עבודת ה'.

צום ביישפּיל ווען אַ מענטש דארף גיין צום דאָקטער, קען ער נישט זאָגן: "איך בין מושגח פון דעם אויבערשטן און כ'גיי נישט צום דאָקטער". אדרבה, טאַקע ווייל דו ביזט מושגח פון דעם אויבערשטן דאַרפסטו טון וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן טון; דו דאַרפסט יעצט בעטן אַ תפלה און גיין צום דאָקטער.

### נישט זיך אַרומשלעפּן מיט דאגות וואָס באַלאַנגט נישט פאר דיר

אָבער דאָס מיינט נישט אַז מען מעג יעצט טראַכטן די אַלע מחשבות וואָס שלעפּן אַראָפּ דעם מענטש: "איך זעה שוין... וואָס וועט זיין מיט אַ שידוך פאר דעם קינד... איין באַשעפער ווייסט וואָס דאָ גייט זיך אויסלאָזן..." ער זאָגט דאָס אַזוי עצבות'דיג, ער איז איגנאַנצן צעבראָכן און צעשאסן: "מען דאַרף אָנקומען צו נסים... איך ווייס שוין אַז די זאַכן ענדיגן זיך נישט גוט"... **ווער האָט דיך בכלל געפרעגט אויף דעם עתיד?! ווער האָט דיך געלאָזט טראַכטן אין דעם ריכטונג?!** פאַרוואָס שלעפּסטו זיך אַרום מיט דאגות וואָס באַלאַנגען נישט פאַר דיר?!

אַ איד דאַרף זיין בשמחה, נישט ווייל ס'גייט זיין אַזוי אָדער אַזוי, **ער דאַרף זיין בשמחה אָן קיין שום פּלאַן, בלויז ווייל דער רבוש"ע פירט מיך צו אַ פּלאַץ וואָס איז דאָס בעסטע פאר מיך!** דער רבוש"ע וויל מיך אַלעמאָל מטיב זיין, ער האַלט מיך יעצט אינמיטן ברענגען צו 'טוב הנצחי'! וואָס איז אַ חילוק די לבוש וויאַזוי דאָס קומט צו מיר?! לאָמיר ווייטער גיין לערנען, ווייטער גיין עוסק זיין אין גמילת חסדים, איך טראַכט בכלל נישט וועגן דעם עתיד!

> אין די סעקונדע, אין דעם יעצטיגן מצב, איז דער אויבערשטער דאָ און ער פירט מיך מיט אַ השגחה נפלאה.

יעדעס מאָל ווען ס'קומט יאָ אַריין אַזעלכע מחשבות אין מח, דאַרף מען זיך באַרואיגן, **נישט אַז ס'גייט זיכער זיך ענדיגן אַזוויי איך וויל, נאר אַז דער רבוש"ע מאַכט די בעסטע זאַך פאר מיר!** דאָס איז וואָס די תורה האָט אונז פאַרציילט און דאָס איז אמת לאמיתה, מיר זענען נישט מסופק דערינען קיין איין סעקונדע.

אָט דאָס איז די מצוה פון 'תמים תהיה', אַז **דער מענטש זאָל אַגאַנצן צייט זיין פאַרנומען מיט דעם 'יעצט'** און נישט זיין פאַרנומען בכלל מיט דער גאַנצער סוגיא פון 'טוב הנגלה' פונעם 'עתיד'.

### די מצוה פון 'תמים תהיה' מאַכט אַז מיר זאָלן אייביג קענען זיין פריילין

דער רבוש"ע האָט אונז געהייסן די מצוה פון 'תמים תהיה' ווייל ער וויל אַז דער מענטש זאָל זיין בשמחה, און נישט סתם ווייל ער וויל אַז מיר זאָלן זיך שפּירן גוט, נאר ווייל ווען אַ מענטש איז בשמחה איז דאָס אַ נצחיות'דיגע טוב פאַר אים. **ווען אַ איד איז פריילין קען ער זיין נאָנט צום רבוש"ע**, ער קען זוכה זיין צו השראת השכינה און ער קען אָנקומען צו וואָס ער דאַרף אָנקומען.

דערפאַר זאָגט דער רבוש"ע: תמים תהיה עם ה' אלקיך, אַזוי וועסטו קענען זיין בשמחה און דורכדעם וועסטו אָנקומען צו דיין תכלית פון קרבת ה'! אויב וועסטו זיין פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן, אויב דו וועסט זיך אַריינלייגן מיט מחשבות צו טראַכטן וואָס

עס גייט זיין בעתיד, וועט דאָס שטערן דיין שמחה; און אַז ס'איז נישטאָ קיין שמחה דעמאָלט קענסטו נישט אָנקומען צו דיין גאַנצע הצלחה בזה ובבא! עס וועט דיך שטערן פון אָנקומען צו דיין גוטס!

## די ערשטע סיבה פון תמים תהי'; צו זיין בשמחה

באמת איז דאָ אַסאַך סיבות פאַרוואָס דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן די מצוה פון 'תמים תהיה עם ה' אלקיך'.

די ערשטע סיבה פאַרוואָס אַ איד דאַרף אַזוי לעבן, איז ווי דערמאַנט, **כדי מיר זאָלן קענען אַלעמאָל זיין בשמחה.** אַזוי זאָגט דער מלבי"ם, אַז מ'קען נישט זיין אין דער מדריגה פון 'לעולם ירננו', נאר אויב מען איז אַן אמת'ער 'חוסי בך'. אַז נישט איז מען אַלס פאַרנומען צי טראַכטן אויב מען האַלט שוין אינמיטן די ישועה אָדער די ישועה גייט נאָך קומען, און מ'קען נישט אַזוי זיין אַ 'לעולם ירננו'.

## די צווייטע סיבה פון תמים תהי'; מאַכן חשבונות איז פשוט אַ טפשות

די צווייטע סיבה איז זייער פשוט, ווייל ווען ס'קומט צו די אַלע ענינים וויאַזוי דער רבוש"ע פירט דעם מענטש, איז אונזער מח באמת נישט ביכולת צו קענען טראַכטן עתידות! **ס'איז ממש אַ טפשות אַז אַ מענטש זאָל זיך קענען איינרעדן כאילו ער ווייסט וואָס עס גייט זיין.** ס'איז פשוט 'ביטול הזמן' און 'ביטול הכוחות' אויפ'ן שטאַרקסטן פאַרנעם.

דאָס קומט וויבאַלד אַ מענטש איז צוגעוואוינט אַז ווען ס'קומט צו זיינע אייגענע ענינים מאַכט ער זיך לאָגישע חשבונות "אויב איך וועל טון אַזוי, וועט דערנאָך פאַסירן דאָס, און אויב איך וועל טון אַנדערש, וועט געשען עפּעס אַנדערש". און אַדאַנק דעם מאַכט ער שוין די זעלבע סאָרט חשבונות ביי זאַכן וואָס איז נישט בכלל תלוי אין זיין בחירה - "אויב די הוה איז אַזוי, וועט די עתיד זיכער זיין אַזוי און אַזוי". עס קוקט אים אויס כאילו ס'איז אַ דבר פשוט צו מאַכן אַזעלכע חשבונות און זיך פאָרשטעלן די עתידות דורכדעם.

## די לעכערליכקייט פון די דמיונות אויפ'ן עתיד

דאָס איז אַזויווי די מענטשן וואָס פאַרדינען געלט דורך פאָראויסזאָגן עתידות. אָפּיציעל גיט מען דאָס געלט בלויז פאַר'ן גבאי אָבער למעשה מאַכן זיי דאָס געלט דורך זאָגן פאר מענטשן "ס'גייט זיין אַזוי און אַזוי"... ס'איז אודאי נישט קיין גוטע פּרנסה אָבער מ'קען פאַרשטיין פאַרוואָס זיי זענען עוסק דערינען, וויבאַלד ס'איז דאך אַלעמאָל דאָ אַ פופציג פּראָצענט שאַנס אַז זיי גייען מצליח זיין מיט זייערע פאראויסשאצונגען... ס'איז דאך פאַרהאַן בלויז צוויי אָפּציעס, אָדער יאָ אָדער נישט, און דער מענטש שטעלט איין פאר אַ פופציג פּראָצענט ספק אַז מ'וועט זען וויאַזוי זיינע נבואות ווערן מקוים...

אָבער ווען אַ איד זיך ריכטיג מתבונן הייבט ער אָן כאַפּן אַז **ווען דער רבוש"ע פירט אַ זאַך פון דיין לעבן, האָסטו נישט קיין שום מהלך צו וויסן וואָס עס גייט פאַסירן שפּעטער.** דו קענסט נישט מאַכן חשבונות אויף דיין עתיד ווייל דיין מח קען פשוט נישט תופס זיין די מהלכים פון דעם רבוש"ע. ס'איז נישטאָ קיין שום וועג וויאַזוי דו זאָלסט דאָס פאַרשטיין, ווי דער פּסוק זאָגט: "כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי".

## אונזער מח איז בכלל נישט אויסגעשטעלט צו קענען פאָראויסזען זאַכן

די מצוה פון 'תמים תהיה' זאָגט אונז: דיין מחשבה איז נישט בלויז גאָר באַגרעניצט, נאר ס'איז בכלל נישט אין די גוטע ריכטונג! דער מענטשליכער מח איז בלויז אויסגעשטעלט געוואָרן צו קענען פאַרשטיין זאַכן וואָס איז דיך נוגע וויאַזוי זיך צו פירן, לויט דעם כלל פון 'איזהו חכם הרואה את הנולד'. דיין מח קען דיך מייעץ זיין וועלכע סאָרט מעשים דו זאָלסט טון; דיין מח קען זיך מתבונן זיין איידער דו טוסט עפּעס, צו דורכטראַכטן אַלע צדדים, אפשר ביזטו געגאַנגען צו שנעל וכדומה.

אָבער ווען עס קומט די מהלכים פון דעם רבוש"ע, **האָסטו דאָך אפילו נישט קיין שפּיץ פאָדעם צו פאַרשטיין זיינע וועגן**, דו קענסט נישט זען אפילו אַ מעטער ווייטער וואָס איז זיין פּלאַן אויפ'ן עתיד!

אויב אַזוי, פון וואָס פאַראַ עתיד רעדסטו בכלל?! **דיינע מחשבות אין דעם ענין איז דאך גאָרנישט ווערד!** רש"י רופט דאָס טאַקע אָן מיט'ן לשון "חוקר אחר העתידות", נישט "חושב", ווייל דו ביזט זיך מתעסק מיט אַ זאַך וואָס האָט בכלל נישט קיין האַפט. אין דער הלכה איז דאָ אַזאַ מושג פון אַ 'ריח שיש לו עיקר' און אַ 'ריח שאין לו עיקר', ווען אַ מענטש שטעלט זיך פאָר זאַכן איבער זיין עתיד **האָט דאָס ניטאַמאָל קיין 'עיקר'**... ער טראַכט סתם אין דער וועלט אַריין שטותים מיט נאַרישקייטן!

דאָס איז נאָך אַ טעם פאר די מצוה פון 'תמים תהיה עם ה' אלקיך', ווייל ס'איז דאך פשוט ביטול זמן און ביטול תורה. **הער שוין אויף טראַכטן און זיך פאָרשטעלן וויאַזוי ס'גייט זיין דער עתיד!** גיי ווייטער אָן מיט'ן לעבן ווי אַן ערליכער איד אָן די אַלע סאָרט מחשבות.

## רבי עזריאל טויבער ז"ל פאַרציילט...

הגה"ח רבי **עזריאל טויבער** זצ"ל שרייבט אין זיין ספר "פרקי מחשבה" ווי פאָלגנד:

"מיין מאַמע ע"ה האָט געבוירן עטליכע קינדער אין די שווערע מלחמה יאָרן, ווען ס'האָט אויסגעקוקט ווי אַלעס גייט חרוב ווערן. ווען מען האָט איר געפרעגט פאַרוואָס ברענגסטו יעצט קינדער אויף דער וועלט, וואָס ווער ווייסט אויב זיי גייען בכלל בלייבן ביים לעבן, פלעגט זי ענטפערן אַז זי טוט וואָס זי דאַרף טון און דער רבוש"ע זאל טון דאָס זייניגע. בהדי כבשי דרחמנא למה לי .

"איך געדענק אַז אין איינע פון די שווערע צייטן, ווען איך בין געווען זעקס יאָר אַלט, זענען מיר געווען באַהאַלטן אין אַ בונקער אין בודאַפּעסט און מיין טאַטע האָט מיך כסדר מחזק געווען מיט אמונה ובטחון. ער האָט גערעדט צו מיר וועגן שבת און תפילין און געדאַוונט מיט מיר אונטער די דאָכענע, כדי די גוים וואָס זענען געווען אין דעם בונקער זאלן אונז נישט הערן.

"איינמאָל איז געפאלן אַ באָמבע אינדרויסן פון דעם בונקער און פון דעם זעץ איז מיין טאַטע אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ און ער האָט פאַרלוירן זיין באַוואוסטזיין. מ'האָט אים געלייגט אויף אַ בעט און מ'האָט אים געהאָלפן צוריקקומען צו די כוחות.

"ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער מיך צוגערופן און געזאָגט: "איך שפּיר אַז מיינע כוחות לאָזן זיך אויס, וויל איך דיך איבערלאָזן אַ צוואה. דיין מאַמע געפינט זיך אין די לאַגערן און ווי ס'קוקט אויס וועסטו איר מער קיינמאָל נישט זען, אָבער געדענק אַלעמאָל אַז דער רבוש"ע איז דער אבי יתומים און ער וועט דיך נישט פאַרלאָזן".

"למעשה האָט דער אויבערשטער געהאָלפן און מיין טאַטע איז נאָך געבליבן לעבן אויף לאַנגע יאָרן, ביז שנת תשנ"ט. אויך מיין מוטער איז ב"ה געראַטעוועט געוואָרן פון די לאַגערן, די משפּחה האָט זיך צוריק פאַראייניגט און אַלע קינדער האָבן אויפגעשטעלט ערליכע דורות. ס'איז נתקיים געוואָרן ביי מיינע עלטערן דעם פּסוק "הבוטח בה' חסד יסובבנו" פּשוטו כמשמעו."

פאַרציילט רבי עזריאל ווייטער:

"ווען איך האָב זוכה געווען צו מאַכן דעם 'שבע ברכות' פאר מיין יונגסטע קינד, בין איך געזיצן נעבן מיין טאַטן אויפ'ן אויבנאָן און איך האָב אים געפרעגט: **"טאַטע, דו געדענקסט נאָך וואָס דו האָסט מיר געזאָגט פופציג יאָר צוריק אין דעם בונקער אין בודאַפּעסט?**

"שטעל זיך פאָר אַז איך וואָלט דיך דעמאָלט געזאָגט: פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? דו גייסט נאָך איבערלעבן און דו גייסט זיך טרעפן מיט דער גאַנצע משפּחה, דו גייסט נאָך האָבן אַסאַך נחת דקדושה און פופציג יאָר אַרום וועסטו זיך באַטייליגן ביי דער שבע ברכות פון מיין יונגסטע קינד אין מאָנסי, וואָלסטו מיך געגלייבט?" האָט מיין טאַטע געזאָגט: "ניין, איך וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געגלייבט אין יענעם מצב".

"האָב איך אים ווייטער געפרעגט: "וואָלסט כאָטש געהאַט חיזוק פון אַזעלכע ווערטער?" האָט מיך מיין טאַטע געענטפערט: "ניין מיין קינד, איך וואָלט ניטאַמאָל געשעפּט חיזוק פון אַזעלכע ווערטער, ווייל לויט דעם מציאות וואו מיר זענען דעמאָלט געווען האָט דאָס הארץ בכלל נישט געקענט פאַרנעמען אַז מ'וועט נאָך אַמאָל אָנקומען צו אַזאַ פרייליכע מציאות".

די ווערטער פון מיין פאָטער דעמאָלט, האָבן מיר געגעבן אַ מורא'דיגע לימוד, אַז דער מענטשליכער מח האָט בכלל נישט די כלים צו טראַכטן ריכטיג לגבי דעם עתיד! ווען אַ מענטש איז משקיע צו חוקר זיין אחר העתידות פאַרפאַטשקעט ער סתם צייט מיט ענערגיע, ס'איז ממש דברים בטלים. ע"כ פון רבי עזריאל טויבער זצ"ל.

**געדענק בלויז איין זאַך: אַז ס'איז דיר גוט ווייל דו ביזט מושגח פון דעם רבוש"ע!**

## די דאָקטוירים זענען פונקט ווי די עתידות זאָגער

די זעלבע זאַך איז ווען די דאָקטוירים זאָגן פאר זאַכן. אַסאַך מאָל זאָגט דער דאָקטער אַז לויט ווי ס'זעט אויס איז דאָ גרויסער פּראָצענט אַז ס'זאָל זיין אַזאַ סאָרט פּראָבלעם אָדער אַן אַנדערע סאָרט פּראָבלעם. ווען דאָס מציאות איז ביי אַסאַך פעלער אַז **זיי זענען זיך טועה כאָטש פופציג פּראָצענט פון דער צייט!** ביי זייער אַסאַך סוגיות איז עס ממש 'לא דובים ולא יער', אַמאָל געשעט עס יאָ און אַמאָל נישט, ממש אַזויווי די 'עתידות זאָגער', וואָס זאָגן פאר זאַכן וואָס גייט פּאַסירן בעתיד.

אודאי דארף אַ מענטש מתפּלל זיין, אָבער מ'זאָל געדענקן אַז מ'טאָר זיך נישט פאַרפּאַטשקענען די מחשבות מיט דאגות באַזירט אויף די ווערטער פון דאָקטוירים.

## דאָס געוואוקס איז פאַרשוואונדן געוואָרן

היינט אינדערפרי האָט מיך אַ איד געוויזן אַ רעפּאָרט פון 'הדסה' שפּיטאָל. עס רעדט זיך פון אַ איד וואָס מען האָט פאַראַיאָר געפינען ביי אים די ביטערע מחלה ל"ע אויף אַ זייער שווערן פאַרנעם און די דאָקטוירים האָבן שוין נישט געגעבן קיין האָפענונג. דער איד האָט זיך אָבער מחזק געווען איינמאָל און נאָכאַמאָל מיט אמונה און בטחון.

אַזוי איז אַריבער אַ חודש און נאָך אַ חודש וואָס ער שטאַרקט זיך מיט אמונה, און יעצט, אַ יאָר שפּעטער, האָט די שפּיטאָל אַרויסגעגעבן זיין רעפּאָרט, אַז זיי זענען איבערגעגאַנגען אַלע בילדער און געזען קלאָר וואו דאָס געוואוקס ווערט קלענער און קלענער, ביז ס'איז גענצליך פאַרשוואונדן געוואָרן, מען טרעפט דאָרט גאָרנישט! אָן דעם וואָס זיי זאָלן האָבן סיי וועלכע מהלך צו מסביר זיין וויאַזוי דאָס האָט פּאַסירט.

## מיר קענען קיינמאָל נישט וויסן וויאַזוי ס'גייט זיין די הנהגת ה'

מען קומט נישט יעצט דערציילן די מעשה כדי צו זאָגן אַז אַזוי גייט אַלעמאָל געשען. מענטשן קענען דאָס נישט ריכטיג אָפּלערנען און דערנאָך קומען מיט קשיות "פאַרוואָס ביי יענעם האָט דאָס נישט פּאַסירט". די געדאַנק פון דער מעשה איז איין זאַך: **דו האסט נישט קיין מושג אין די דרכים פון דעם רבוש"ע!** איך האָב אליינס געזען דעם רעפּאָרט פון שפּיטאָל און דער איד וואָס האָט מיך עס געוויזן איז געווען דער חולה זעלבסט.

דער מענטש האָט זיך מחזק געווען אַגאַנצע צייט, אָבער ער האָט אַליין נישט גענומען אין חשבון אַז ס'גייט צוריקקומען אַזאַ רעפּאָרט. ער האָט בכלל

> **"טאטע, דו געדענקסט נאך וואס דו האסט מיר געזאגט פופציג יאר צוריק אין דעם בונקער אין בודאַפּעסט?**

נישט געהאַט קיין פּלאַן אַז ס'איז דאָ אפילו אַזאַ אָפּציע! ווייל אַזוי פירט דער רבוש"ע זיין בריאה, אינגאַנצן נישט ווי אונזער מהלך המחשבה.

געווי די זעלבע זאַך פּאַסירט אַגאַנצן טאָג מיט יעדן איינעם פון אונז. דער רבוש"ע איז שטענדיג מסדר אונזער עתיד לויט זיין פּלאַן און ער זאָגט פאַר'ן מענטש: גיי נישט יעצט חוקר זיין אַ זאַך וואָס דו ביזט זיך הונדערט פּראָצענט טועה דערינען!

## די צוויי מהלכי המחשבה וואָס זענעןביידע נישט ריכטיג

השי"ת זאל אָפּהיטן אַלע אידישע קינדער, ווען מען טרעפט זיך אין אַ מצב וואָס דער דאָקטער האָט געטראָפן עפּעס, טראַכטן מענטשן אַז יעצט איז דאָ בלויז צוויי צדדים; אָדער רח"ל, אָדער גייט געשען אַ נס.

פון איין זייט איז דאָ אַ סאָרט מענטש וואָס זאָגט: "איך בין מיט צוויי פיס אויף דער וועלט, און איך טראַכט רעאַליסטיש. אודאי גלייב איך אין השי"ת, אָבער דער אויבערשטער האָט דאָך געוויזן אַז דאָס איז דער מציאות און דאָס גייט געשען, אויב אַזוי לאָמיר גיין וויינען".

**דער מענטש איז אָבער נישט גערעכט**, ווייל ער ווייסט קיינמאָל נישט וויאַזוי דער רבוש"ע גייט ענדיגן די מעשה!

פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַ סאָרט מענטש וואָס זאָגט: "איך ווייס אַז ס'גייט גאָרנישט זיין, ווייל איך האָב עפּעס אַ סגולה פון אַ מטבע".

**איז ער ווייטער נישט גערעכט.**ביידע סאָרט מהלכי המחשבה זענען נישט גערעכט.

אַ איד איז מחיוב - הגם ס'איז טאַקע זייער שווער - צו זאָגן און זיך חזר'ן: **"איך ווייס נישט! איך האָב נישט קיין מושג וואָס גייט זיין! איך גיי דינען דעם רבוש"ע מיט דער ידיעה אַז ער איז משגיח אויף מיך"**. און אַ איד דארף קענען מצליח זיין צו באַקומען דערפון אַ מורא'דיגע רואיגקייט און שמחה: "דער רבוש"ע טוט מיך זיכער גוטס, הונדערט פּראָצענט! וויאַזוי מיין עתיד גייט אויסקוקן? דאָס ווייס איך נישט! אָבער איך בין נישט יונק מיין שמחה פון דעם עתיד! איך בין יונק מיין שמחה פון דעם יעצטיגן מינוט וואָס דער רבוש"ע איז משגיח און באַגלייט מיך אויף טריט און שריט".

## די ריכטיגע וועג וויאַזוי צו יונק זיין שמחה

מענטשן זענען צוגעוואוינט צו יונק זיין זייער שמחה און זייער עצבות פון זייער עתיד. דער מענטש וואָס איז פאַר'דמיונ'ט אַז מאָרגן גייט ער ווערן אַ גביר איז שוין היינט בשמחה. און פאַרקערט, דער מענטש וואָס איז פאַר'דמיונ'ט אַז מאָרגן גייט מען אים אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט איז שוין היינט בעצבות.

הער שוין אויף יונק זיין פון דיין עתיד! דאָס איז בלויז אַ דמיון וואָס די סטרא אחרא האָט דיך אויסגעמאָלן אַזאַ בילד. **זיי יונק פון דעם מציאות אַז דו געפינסט זיך תחת כנפיו פון דעם רבוש"ע.** פאַרמאַך דיינע אויגן און טראַכט: "איך בין יעצט מושגח פון דעם גוטן באַשעפער, וואָס פירט מיך אויף אַ וועג פון להטיבך באחריתך! ער וויל מיך מטיב זיין!".

אודאי איז דאָס אַ נסיון. מ'דאַרף אַרבעטן אויף זיך כדי אָנצוקומען צו אַזאַ מדריגה, אָבער לאָמיר כאָטש פּרובירן אָנהויבן מקיים זיין די תורה. די תורה הק' זאָגט אונז "תמים תהיה עם ה' אלקיך", און רש"י איז דאָס מסביר: זיי פון די סאָרט מענטשן וואָס זענען מקיים "באלקים אהלל דבר".

פאַרשטיי אַז אַלע מחשבות איבער דעם צוקונפט זענען שטותים. ה' יודע מחשבות אדם כי המה הבל. אַ איד איז נישט יונק מיין שמחה פון אַזאַ סאָרט עתיד אָדער פון אַן אַנדערע סאָרט עתיד, אַ איד איז יונק זיין שמחה ווייל ער גלייבט אין דער הבטחה פון דעם רבוש"ע וואָס האָט מבטיח געווען פאר יעדן איינציגן איד, אין יעדע איינציגע סעקונדע, אַז ער פירט אונז אויף אַ בעסערע פּלאַץ. דאָס גיט אונז חיות און דאָס גיט אונז כח צו זינגען שירה און צו זיין בשמחה!


פטרון השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נדבת ידידנו הר"ר **מנחם בצלאל גאטטעסמאן** הי"ו
**לרגל נישואי בתו הכלה החשובה שתחי'**
עב"ג הבה"ח **יצחק יעקב פישמאן** נ"י
ביום כ"א אדר ב' הבעל"ט
יהי רצון שהזווג יעלה יפה למזל טוב ויזכו לבנות בית נאמן בישראל

• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הביניני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223